# Do Ameryki i Kanady!



przeprawia najtaniej i najlepiej pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt:

Generalny agent

**M. G. Freudberg,** ANTWERPIA 10. Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do **Nowego Yorku** co sobotę; do **Kanady** co 10 dni! Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od tej Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.

---

**Darmo i opłatnie** otrzyma każdy mój bogato illustrowany cennik



**Instrumentów muzycznych**

**oraz różnych zabawek**

**A. Scheuer, Kraków**

**ulica Grodzka L. 59/6.**

---

# די אידישע ארבייטער ביבליאטעק

פֿון

## דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

גן־עדן התחתון. פרייז : 2 העלער.
קאוטסקי. די אונאַבהענגיקייט פֿון פוילען. פרייז : 10 „
פֿייגענבוים. ווי קומט א יוד צו סאָצ. ? פרייז : 20 „
א. ווראנסקי. די אידען אין פוילען. פרייז : 10 „
ש. דיקשטיין. פֿון וואָס איינער לעבט. פרייז : 20 „
וואָס יעדער ארבייטער דאַרף וויסען און געדענקען. 30 „
ליעבקנעכט. די וואַהרהייט איבער דעם סאָצ. 30 „
די ארבייטער רעוואָלוציאָן. פרייז : 15 „
א. דעמבסקי. סטאַניסלאַוו קוניצקי. פרייז : 10 „
מ. מיכלזאָהן. הערשעל דער שניידער. פרייז : 10 „
לאַטאַרניק. יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי. פרייז : 10 „
שפּיאָן. פרייז : 15 „
לאַטאַרניק. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. 20 „
ב. א. י. לודוויג וואַרינסקי. פרייז : 20 „
אַמעריקאַנער. פיל יפינא פלאַסקאָוויצקאַ. פרייז : 10 „
ארבייטער געדיכטע. פרייז : 30 „
ב. א. י. אַוגוסט בלאַצקי : פרייז : 10 „
אַ קלאָרער ענטפער (ביילאַגע צום 8־טען נומער „ארבייטער"). פרייז : 15 „
די אַרבייטער כאַלידאַריטעט און דער קאַמפּף אום דאזיין. פרייז : 10 „
פֿערדינאַנד לאַסאַל. פרייז : 15 „
מ. מיכלזאָהן. טאַדעאוש קאָשציושקאָ. פרייז 20 „
ב. פֿייגענבוים. דער רעכטער וועג. אַ ויכוח וועגען די פוילישע סאָציאַליסטיש פּארטיי און איהרע פֿאָדערונגען, אין צוויי טהיילען. פרייז : 80 „

די אלע בראשורען ווי אויך אלע פּוילישע אויסגאַבען פֿון פ. פּ. ס. זיינען צו בעקומען אין דער אדמיניסטראַציאָן פֿון „פשעדשוויט" Kraków, Grodzka 50.

---

# Ostrzeżenie!

**przed bezwartościowemi naśladownictwami!**

# KUNEROL

z poręczen. najczyściejszy tłuszcz roślinny z orzechów kokosowych zawierający 100% tłuszczu. — Żądać „KUNEROLU“ w każdym lepszym handlu spożywczym. Do miejscowości, gdzie niema „KUNEROLU“ wysyłamy na próbę około 5 kilogr. brutto po cenie Kor. 6·50 opłatnie do każdej stacyi poczt austr. węg. za zaliczką. — Dla hurtowników specyalne ceny. Broszurki i świadectwa lekarzy darmo.

**Najstarsza i największa fabryka tłuszczu roślinnego w monarchii**

**Emanuel Khuner & Sohn**

Wien, XIV/2.

---

# די בילליגסטע בעצוגסקוועללע



אין גוטען איהרען, גאָלד און זילבער, ביזשוטערי, אוהרען־בעשטאנד־טיילע אין ווערקציינגע, ווי אייך מוזיק־אינסטרומענטע איזט ביי

**I NATZ CYPRE Krakau**

FLORYANERGASSE 49.

איינע ניקעלטאַשענאוהר מיט 36 שטיק פרימא ווערקע מיט אויפ־שריפט „סיסטעם ראָסקאָפף" מיט דרייאיעהריגער גאַראַנטיע זאַמט שענער ניקעלקעטע און לעדערבייטעל פֿל. 1.95.

ביי אבנאהמע פֿון דריי שטיק פֿל. 5.50, זעכס שטיק פֿל. 10.—.

רייך איללוסטרירטער פרייז־קוראַנט מיט 800 אבבילדונגען גראַטיס און פֿראַנקאָ.

אגענטען ווערדען געזוכט!

Nr. 13/14

---

Proszę zawsze żądać **Wyrobu krajowego!**

**Munka oszczędzające, jędrne mydło z „nosorożcem“ lub „kosą“**

z Pierwszej Galicyjskiej Parowej Fabryki **mydła i świec**

**Szymona Munka w Żywcu**

(Założonej w roku 1846) Próbki i cenniki darmo.

די וואונדען, וואס ער האט בעקומען. דער פאליציאנט איז לייכט פֿערוואונדעט געווארען.

**א צוזאמענפאהר פון סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען.** אין קורקס האט די פאליציי ארעסטירט נאך א לאנגען ווידערשטאנד א פֿערזאמלונג פֿון סאצ. רעוואלוציאנערען. איין קאמיסאר און עטליכע פאליציאנטען זיינען דער ביי פֿערוואונדעט געווארען.

**די אנטעסמיטישע העצען געגען יודען און אינטעליגענטען.** דער „פֿריהלינג“ אין רוסלאַנד איז שוין אריבער, וועניגסטענס פֿאַר דער רעאַקציאָנערע פּרעסע. כל זמן זי האָט געגלויבט, אַז די רעפֿאָרמיסטישע בעוועגונג וועט זיין נור אַן אויבערפֿלעכליכע, אַז זי וועט געהען אויף דעם וועג, וואָס זי האָט איהר בעצייכענט, האָט זי איהר כלומרשט געשטיצט. איצט אָבער ווען זי האָט זיך ארומגעזעהען, אַז די בעוועגונג איז געוואָרען אַ שטרוים וואָס רייסט אַלץ אַוועק מיט זיך און מאַכט זיך נייע וועגען האָט זיך די רעאַקציאָנערע פרעסע איבערגעשראָקען און אין גאַנצען זיך צוריקגעצויגען. זי האָט זיך גענומען צוריק צו איהרע אַלטע עובדות: צו העצען געגען יודען און געגען אינטעליגענטעז. נור ווייל אין רוסלאַנד הערשט איצט אַן אַנאַרכיע קען זי עס טהון בפני כל און זי איז זעהר געפעהרליך. די פֿאָלגענדע פּראָקלאַמאַציע ווערט פערשפּרייט פון אַנטעסעמיטען אין רוסלאַנד:

פעראיין נאציאנאליסטען

פון קיעוו, ניקאָלאיעוו, אדעס, חערסאָן, קישינעוו, בענדער, אקערמאן און אנדערע שטעדט.

ברידער! דיא אונרוהען, וואָס קומען יעצט פֿאָר אין רוסלאַנד קומען דערפֿון וואָס מיר האָבען זייט צעהנדליגע יאָהרען ערלויבט אויסלענדער צו טהון וואָס זיי ווילען. די אַלע געשרייען „נידער מיט סאמאָדערזשאַוויע, נידער מיט די רעגירונג, נידער מיט'ן צאַר!“ קומען אַלץ פון די בלוטזויגער, וועלכע רופֿען זיך יודען, אַרמעניער, פּאָלאַקען, גרוזינען און זאָ ווייטער, וועלכע ווילען פערכאַפּען אַלעס אין זייערע רויבערישע הענד, און רעגירען איבער אונז, פּראַוואָסלאַווע, וועלכע האָבען פֿערגאָסען אונזער בלוט פאַר אונזער גלויבען און אונזער פֿאָטער דעם צאַר. אונזער פעראיין צעהלט יעצט 297,865 מיטגליעדער און מיר פאַסען אויף אויף די יודען און אַנדערע נאַציאָנען, וועלכע זשאַלעווען קיין געלד און זוכען אונטערצוקויפען די אַרבייטער אום צו מאַכען אונרוהען און דערביי קריגען רעכטע פאַר זיך און קענען רעגירען איבער אונז. צוליעב דעם איז פֿראַנקרייך און פוילען געפֿאַלען און דאסזעלבע ווילען זיי יעצט אויספיהרען מיט רוסלאַנד.

היט אייך פֿאַר די יודען!... באַלד, באַלד, וועט קומען די גאָלדענע צייט ווען עס וועט ניט זיין קיין יוד אין רוסלאַנד. אַלע אונזערע צרות, אונזער נויטה, שטאַמט פֿון יודען.

נידער מיט די פֿערדעטהער! נידער מיט קאָנסטיטוציע! עס לעבע אונזער פֿאָטער דער צאַר!

כמעט דאָס זעלבע קענען מיר לעזען אין „נאָווע ווּרעמיע“.

די צווייטע רעאַקציאָנעלע צייטונג, דער „גראַזשדאַניען“ טרעט ווידער אַרויס געגען די אינטעליגענטען:

„אַט צו וואָס מיר האָבען דערלעבט, קלאָגט ער זיך: אַן'אַסיפה פון 600 דאָקטוירים אין מאָסקווע האָט זיך ערלויבט, נישט מורא האָבענדיג ניט פֿאַר די רעגירונג און ניט פאַר די מיליאָנען אָרענטליכע רוסען, האָט זיך ערלויבט מודיע צו זיין, אַז קיינער פון זיי וועט ניט היילען דאָס פֿאָלק בשעת דער חאָלערא, אויב די רעגירונג וועט ניט ערפֿילען זייערע פֿאָדערונגען. אזאַ פער־ברעכען האָט נאָך ניט בעגאַנגען קיין איין אַנאַרכיסטישער צוזאַמענפֿאָהר, זינד די וועלט איז אַ וועלט, אַזאַ מורא'דיגע העזה האָט נאָך קיינער ניט אַרויס־געוויזען.

אין וואָס פֿאַר אַן'אַנדער אָרט אַזאַ זאַך וואָלט ניט געשעהן, וואָלט דער המון באַלד גע'ממית'ש די 600 דאָקטוירים. און ביי אונז האָבען אַלע צייטונגען מודיע געווען וועגען דעם שרעקליכען פֿאַקט און קיין איינע האָט זיך ניט ערלויבט זאָגען אַ וואָרט געגען דעם. מען געהט אַרום ווי צוטראָגענע און פֿרעגט איינער דעם אַנדערן: „צי דען האָט מען זיך דערשראָקען, צי דען וועט מען פֿון זיי ניט צונעהמען זייערע דיפּלאָמען, די רעכט פון אַ רוסישען בירגער און מען וועט זיי ניט אַרויסשיקען פֿון רוסלאַנד? קיין ענטפער איז ניטאָ“.

עס איז איבריג צוגעבען, אַז דאָס וואָס דער „גראַזשדאַנין“ שרייבט וועגען דער רעזאָלוציע פֿון דאָקטוירים איז שקר וכזב.

# ליטעראַטור און קונסט.

**אונטער דער תליה.** מיט דעם נאָמען האָט ארויסגעגעבען די קראָ־קויער בוכהאנדלונג „Książka“ א ביכעלע וואָס מאכט אַ'גאוונגעהייערען רושם אויף די לעזער. אָנגעשריבען האָט עס גענ. מ. מאַנקאָווסקי, אַן'אַלטער מיטגליעד פֿון דעם בעריהמטען „פּראָלעטאַריאַט“, וועלכער איז אבגעזעסען קנאַפּע צוואַנציג יאָהר אין די רוסישע געפֿענגענישען, קאַטאָרגע, סיביר, וועלכער האָט שוין אויסגעהערט דעם פסק, וואָס האָט איהם פֿערמשפט צום טוידט. וועלכער איז איהם שפּעטער פֿערביטען געוואָרען אויף לעבענסיעהריגע קאַטאָרגע. געמשפּט האָט מען איהם צוזאַמען מיט די גענאָסען: קוניצקי. באַרדאָווסקי: פּיעטרושינסקי, אָסטאָלינסקי און וואַרינסקי. מען האָט זיי אַלע און נאָך פֿיעל פֿערמשפּט צום טוידט. געהאָנגען אָבער האָט מען נור די ערשטע פיער. נאָך דעם פסק האָט מען זיי ערלויבט צו פערברייגגען די צייט צוזאַמען. אַזוי האָבען זיי פערבראַכט 40 טעג. נאַכהער האָט מען די פֿיער בעסטע און געליעבטעסטע גענאָסען ארויסגעריסען פון דער חברה און געהאָנ־גען. אין דעם ביכעלע דערצעלט גענ. מאַנקאָווסקי, ווי אַזוי זיי האָבען די 40 טעג פֿערבראַכט. די שפּראַך איז איינפֿאַך, אָהן רעטאָרישע בלומען; עס דרעהען זיך פאַר אונז אַזעלכע איינפאַכע פערזאָנען ווי שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס און א פאַר סטודענטען און דאָך מאכט דאָס ביכעלע אַן'אונ־געהייערען רושם. וועלכען עס מאַכען ניט די געקינצעלטסטע ווערק פון די „גדולים“ — ווייל אין איהם ליעגט א שטיק לעבען, ווייל אַלעס וואָס ער דערצעהלט דאָרט האָט ער דורכגעלעבט מיט'ן גרעסטען גלויבען און האָט עס מיט זיין בלוט פֿערחתמט. און פֿאַר אלעס זעהען מיר ווי שטאַרק די אידעע איז — דער סאָציאַליזמוס — וואָס האָט די מענשען בעלעבט, דאָס זיי האָבען די גאַנצע 40 טעג פֿאַרגעסען, אַז אָט אָט וועט דער תליון איבערשניידען דעם פֿאָדעם פֿון זייער יונגען לעבען אין האָבען נור געטראַכט וועגען דער אַרבייטער בעוועגונג — וועגען דעם ענדליכען אַרבייטער־זיעג. מיר וועלען עס אין ניכען דרוקען אין פֿעליעטאָן פֿון דער „יודישע אַרב. צייטונג“.

# דער טלית־וועבער סטרייק אין קאַלאַמעא.

נאָך ליגען פֿאַר אונזערע אויגען די קרבנות פֿון דעם ערשטען סטרייק, נאָך האָבען זיך די פֿאַבריקאַנטען זייערע אונרייגע הענד פֿאַר יאָהר 1897 נישט אָבגעוואַשען אין שוין ווידער דויערט דער קריעג. שוין 10 וואָכען ווירד ער געפֿיהרט אָהנע געוועהרע אָהנע קאַנאָנען אונד דאָך פֿאַלען איהם מענשען צום אָפּפֿער, פּראָלעטאַריער וועלכע אַלעס שאַפֿען אונד ניכטס האַבען. די אַרבייטער זינד אין סטרייק געטרעטען, ווייל דער קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטער זאַנגער האַנד אין דעם וואָס יעדען אַרגאַניזירטען אַרבייטער דאָס הייליגסטע איזט לעגען וואָלטע, זיינע אַבזיכט וואַר דען אַרבייטער דאָס איינציגע מיטעל, די איינציגע וואַפֿע וועלכע ער קאָן אין איין נאָטה פֿאַלל געגען איהם געבראַוכען, ערצווינגען: ער וואָלטע זיינע אַרבייטער צווינגען, זיי זאָלען דער יוניאָן ניכט אַנגעהערען. אָבער ווי איין מאַן זענען אַללע אויס דער פֿאַבריק געטרעטען. ר' יונה זאַנגער האָט צו שנעלל פֿאַרגעסען דאָס פֿאַן דעם בלוט אונד מאַרך וואָס ער האָט פֿון זיינע אַרבייטער אויסגעדריקט האָט ער זיך דאָס פֿאַרמעגען פֿאַרשאַפֿט. און וואָס האָט דער אָרימע אַרבייטער ביי איהם געהאַט אין דער צייט אַז ער האָט געאַרבייט? 10 ביז 12 קראָנען זענען געוועזען דאָס גרעסטע פֿערדיענסט וואָ מייסטענטהיילס די אַרבייטער פֿאַמיליענפאַטער זינד און האָבען 6 ביז 8 קינדער, די ערגסטע וואָה־נונגען די געמיינסטע שפּייזען. דאַביי וואַגט דער בלוטזאוגער זיינע אהנע דיעזען עלענדען אַרבייטער די איהר לעבענלאַנג פֿיר איהם געשאַפֿט האָבען. אונד די מייסטענס שאָן טויבערקולעז זינד, צו טעראָריזירן אונד מיט דען געמיינסטען וואָרטען צו בעשימפּפֿען. הערר זאַנגער מיינט אַז דער הונגער און נויט וועט זיי אם ענדע צווינגען זיך אונטערצוגעבען. אבער ער האט א גראבען טעות. אונטער די אַרבייטער שטעהט איינע וועלטסמאַכט וועלכע ניעמאַנד אומשטאַנדע איז צו צעררייסען. קיינער פֿון אייערע אַרבייטער וועט זיך ניט לאָזען סטעמפּלען אַלס סטרייקברעכער אונד טראָטץ אייער איינ־שמייכלונג ביי איינינגען אַרבייטער אונד דענען גאָלדבערגע צוזאַגענד איז עס אייך דאַנק דער סאָלידאַריטעט פֿון די אַלטע אָרגאַניזירטע טלית וועבער ביז נון ניכט געלונגען אונד אויף ווייטער ווערדען ווער אויך האָפֿפֿען.

צו אייך גענאָססען וועבדען וויר זיך, אונטערשטיטצט דיעזעם קאַמפף, דען דער זיעג דער טלית וועבער איזט דער זיעג דער אָרגאַניזירטען אַרבייטערשאַפֿט געגען דאָס בלוטגיערינגע קאַפּיטאַל.

ה ע ר מ א ן פ ו כ ס.